# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש ז"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:13
מוצאי שב"ק.....................5:44

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........דברי הימים-ב כ"ה-כ"ו
בבלי........................פסחים כ"ח
ירושלמי............מועד קטן ט"ז
תוספתא............עבודה זרה ג'
רמב"ם................חמץ ומצה ו'

פרשת מקץ, ד' טבת, שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 13 (478)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְסַפֵּר פַּרְעֹה לָהֶם אֶת חֲלֹמוֹ וְאֵין פּוֹתֵר אוֹתָם לְפַרְעֹה, פַּרְעֹה הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט צְוֵויי חֲלוֹמוֹת, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן גֶערוּפְן אַלֶע זַיינֶע חֲכָמִים אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי חֲלוֹמוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּארוּאִיגְן. רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט פִּתְרוֹנוֹת פַאר זַיינֶע חֲלוֹמוֹת, וְוִי לְמָשָׁל אַז עֶר וֶועט הָאבְּן זִיבְּן טֶעכְטֶער אוּן זֵיי וֶועלְן שְׁטַארְבְּן, אוּן נָאךְ פִּתְרוֹנוֹת, עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַרַיין אִין זַיינֶע אוֹיעֶרְן, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דִי אַלֶע פִּתְרוֹנוֹת, נָאר וֶוען יוֹסֵף הַצַּדִיק אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אִים פּוֹתֵר חָלוֹם גֶעוֶוען, נָאר דָאס הָאט עֶר אָנְגֶענוּמֶען אוּן דָאס הָאט אִים בַּארוּאִיגְט.

פַארְוָואס אִיז פַּרְעֹה נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דִי אַלֶע פִּתְרוֹנוֹת וָואס זַיינֶע חֲכָמִים הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט, פַארְוָואס הָאט אִים נָאר בַּארוּאִיגְט דִי פִּתְרוֹן פוּן יוֹסֵף?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רל"ד) אַז סְ'אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, דָאס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט מַאֲרִיךְ אַז מְ'דַארְף אָבֶּער וְויסְן וְוִי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק.

וֶוען מְ'דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, וָואס זֵיי הָאבְּן אַלְץ אוֹיפְגֶעטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז דָאס זֵייעֶר מְעוֹרֵר אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אוֹיךְ וֶועלְן וֶוערְן אַ צַדִיק, עֶר זָאל אוֹיךְ הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ גֵיין אִין זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע וֶועגְן. דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קל"ח) אַז זַיין עִיקָר הִתְעוֹרְרוּת צוּ עֲבוֹדַת ה' אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְכְ'ן הֶערְן אַלְס קִינְד אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, וַוייל זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן דָאךְ גֶעוְוּוינְט אִין הוֹיז פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִין מֶעזְעבִּיזְשׁ, אוּן אַזוֹי וְוִי עֶס פְלֶעגְן דָארְט קוּמֶען כְּסֵדֶר דִי תַּלְמִידִים פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע צוּ זַיין צִיּוּן הַקָדוֹשׁ, אוּן זֵיי פְלֶעגְן אַיינְשְׁטֵיין אִין זֵייעֶר הוֹיז, הָאט עֶר דֶעמָאלְט גֶעהֶערְט פוּן זֵיי אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיפְגֶעפְלַאמְט עֶר זָאל אוֹיךְ וֶועלְן זַיין אַ צַדִיק.

מְ'דַארְף אָבֶּער וְויסְן וְוִי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשִׂיּוֹת, וַוייל כָאטְשׁ וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן מוֹפְתִים וָואס צַדִיקִים הָאבְּן בַּאוִויזְן אִיז זִיכֶער אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט צוּ אֱמוּנַת חֲכָמִים וָואס אִיז גָאר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת ה', אוֹיבּ אָבֶּער דֶערְצֵיילְט מֶען נָאר דִי מוֹפְתִים אוּן נִיסִים פוּן זֵיי, מְ'דֶערְצֵיילְט נִישְׁט דָאס וְוִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפְלָאגְט אוּן גֶעמוּטְשֶׁעט, דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, נֶעמְט דָאס אַסַאךְ אַוֶועק פוּן דִי תּוֹעֶלֶת פוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת, וַוייל מְ'רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז פַאר דִי צַדִיקִים אִיז אַלֶעס גֶעגַאנְגֶען גְרִינְג אוּן גֶעשְׁמִירְט, אוּן דַאן טְרַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס עֶר קֶען נָאכְמַאכְן, וַוייל עֶר זֶעט אַז פַאר אִים גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר, אוּן פַאלְט אַסַאךְ מָאל דוּרְךְ.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גָאר אַסַאךְ גֶעמוּטְשֶׁעט אוּן גֶעפְּלָאגְט, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט פִילֶע דוּרְכְפֶּעלֶער אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען.

דֶערְפַאר אִיז וִויכְטִיג צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים וְוִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער, פוּן דֶעם קֶען יֶעדֶער אִיד אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ בֵּיישְׁפִּיל אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, סְ'גֵייט אִים בִּכְלַל נִישְׁט גְרִינְג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין, פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי קֶען עֶר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

מִיט דֶעם פַארְשְׁטֵייט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס אִין דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רל"ד) אַז וֶוען מְ'וִויל שְׁטֶעלְן אַ קֶענִיג בַּאנוּצְט מֶען זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן שֵׁם "קמה", וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק "הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ" (דְבָרִים כ"ו, ט"ו) אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט "מְהַעְדֵּה מַלְכִין וּמְהָקֵים מַלְכִין" (דָנִיֵּאל ב', כ"א), אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִיק "וְהִנֵּה קָמָה אֲלֻמָּתִי" (בְּרֵאשִׁית ל"ז, ז'). וָואס הָאט דָאס צוּטוּן מִיט דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין אָנְהוֹיבּ וֶועגְן דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים? נָאר אַ קֶענִיג דַארְף דָאךְ זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פַארְ'ן גַאנְצְן פָאלְק זֵיי זָאלְן זֶען וְוִי אַזוֹי מְ'דַארְף זִיךְ פִירְן, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי אֱמֶת'עֶ קֶענִיגְן, וָואס דָאס זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִיטִין ס"ב.) "מַאן מַלְכֵי, רַבָּנָן", דַארְפְן זֵיי דָאךְ זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער נָאכְצוּגֵיין אִין זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע וֶועגְן. דַארְף מֶען דַאן הָאבְּן דֶעם שֵׁם "קָמָה", וָואס מֵיינְט זִיךְ "אוֹיפְשְׁטֶעלְן", מִיר דַארְפְן זִיךְ דֶער עִיקָר אָפְּלֶערְנֶען פוּן דֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען שְׁוֶועריִקְייטְן אוּן נִסְיוֹנוֹת אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן דָאס דַארְף אוּנְז לֶערְנֶען אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין לֶעבְּן.

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת אִין מוֹיל

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ זַצַ"ל, דֶער אִיד הָאט גֶעוֵויינְט מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת אַז עֶר קוּמְט יֶעצְט פוּנֶעם דָאקְטֶער, אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען הָאט גֶעפִינֶען בַּיי אִים אַ גֶעפֶערְלִיכֶע קְרֶענְק אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מֶער וְוִי פִיר טֶעג צוּ לֶעבְּן. דֶער אִיד הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר צִיטֶערְט פַארְן טוֹיט, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

דֶער חֲזוֹן אִישׁ זַצַ"ל הָאט גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען דִי פְּסוּקִים פוּן מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד".. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי צְוֵוייטֶע טָאג אוּן דִי דְרִיטֶע טָאג אוּן דִי פֶערְטֶע טָאג "וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת שְׁנֵי הַמְּאֹרֹת הַגְּדֹלִים".. "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם רְבִיעִי".. אוּן דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִיד: "קוּק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלְץ בַּאשַׁאפְן אִין פִיר טֶעג. דִי הִימְל אוּן עֶרְד, הִימְלֶען, יַמִים אוּן יַבָּשָׁה, גְרָאז מִיט בֵּיימֶער, דִי זוּן אוּן דִי לְבָנָה מִיט דִי שְׁטֶערְנְס. אוּן דוּ דֶערְשְׁרֶעקְסְט זִיךְ נָאךְ פוּן דֶעם וָואס דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט דִיר נָאר פִיר טֶעג צוּ לֶעבְּן?! דוּ וֵוייסְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען נָאךְ טוֹישְׁן אִין דִי פִיר טֶעג?"

"אִיךְ וָואלְט דִיר גֶערָאטְן" - הָאט אִים דֶער חֲזוֹן אִישׁ גֶעזָאגְט - "אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים בֶּעטְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה, אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶען וְוִי דוּ וֶועסְט הָאבְּן אֲרִיכַת יָמִים וּשְׁנִים גֶעזוּנְטֶערְהֵייט".

<<<<<<

## א גוט ווארט

עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט בַּיי קַיין שׁוּם מִצְוָה: "צְרִיכִין לְהַרְגִּישׁ טַעַם בְּהַמִּצְוָה", אַז מֶען דַארְף שְׁפִּירְן אַ טַעַם וֶוען מֶען טוּט דִי מִצְוָה; עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין הִלְכוֹת תְּפִילִין אַז מֶען קֶען לֵייגְן תְּפִילִין נָאר וֶוען מֶען הָאט אַ גֶעפִיל. מִיר דַארְפְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע מַצָּבִים - נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען שְׁפִּירְט אַ טַעַם אָדֶער נִישְׁט.

נֶעם דִיר גוּט אַרַיין אִין קָאפּ אַז: "אִידִישְׁקֵייט הָאט גָארְנִישְׁט מִיט גֶעפִילְן"; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דָאס דַארְף זַיין דֶער שְׁטְרֶעבְּן פוּן אַ אִיד: צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת; גֵיין דַאוְוענֶען יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא, אַבִּיסְל מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשע"ט)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# אַ שָׁאד דִי צַייט אוּן דָאס גֶעלְט פַאר טֶערֶעפִּי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

בְּנוֹגֵעַ גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי, אִיר זָאגְט אִיר ווילְט גֵיין אוֹיף טֶערֶעפִּי אוּן אִיר גֵייט נִישְׁט וַוייל אִיךְ לָאז אַייךְ נִישְׁט גֵיין; עֶרְשְׁטְנְס, אִיךְ זָאג נִישְׁט פַאר אַ צְוֵוייטְן וָואס צוּ טוּן, צְוֵוייטְנְס, אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי, אַז אִיר ווילְט גֵיין - זָאלְט אִיר גֵיין, אִיךְ זָאג נָאר אַז טֶערֶעפִּי אִיז אַ לִיגְנְט, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט אוּן אַ שָׁאד דָאס גֶעלְט.

אוֹיבּ אִיר ווילְט גֵיין, אִיר טְרַאכְט אַז טֶערֶעפִּי וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן - זָאלְט אִיר גֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן; אֵייעֶר מַאן וֶועט אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אוּן גֶעוָוארְנְט עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין דֶעם, עֶר זָאל טוּן וָואס אִיר ווילְט; מֶען בַּאצְווינְגְט נִישְׁט קֵיינֶעם וָואס צוּ טוּן, יֶעדֶער אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ טוּן וָואס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר אִים.

אִיךְ מַאךְ שְׁטֶענְדִיג חוֹזֵק בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן טֶערֶעפִּי, וַוייל אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן - מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - וָואס פַאלְן אַרַיין אִין דֶעם לִיגְנְט; מֶען פַארְבְּרֶענְט טֶעג, וָואכְן, חֳדָשִׁים אוּן יָארְן, עֶס קָאסְט אָפּ שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ אוּן בַּיים סוֹף זָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז אַ גְנֵיבָה.

וָואס יָא? נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן מָשִׁיחַ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ב) אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה; קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע סְגוּלָה, מֶען וֶועט נִישְׁט גֵיין צוּ קֵיינֶעם - נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס וֶועט הָאבְּן אַ צָרָה וֶועט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן, מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ גוֹיִם, אַלֶע פֶעלְקֶער - וֶועלְן אַנֶערְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעמְט אַפָּאר מִינוּט אוּן גֵייט אִין אַ זַייט וֶוען דִי שְׁטוּבּ אִיז לֵיידִיג, אֵייעֶר מַאן אִיז בַּיי דִי אַרְבֶּעט, דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין חֶדֶר אוּן אִין סְקוּל, אִיר זֶענְט אִין שְׁטוּבּ אַלֵיינְס מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער - אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, בֶּעטְס אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ, דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס לִיגְט אַייךְ אוֹיפְ׳ן הַארְץ, אַלֶעס וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעלֵייגְט בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן פוּן קִינְדְוַוייז אָן. שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט סַיי ווִי אַלֶעס, עֶר וֵוייסְט אַלֶעס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם גִלְגוּל, פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע גִלְגוּלִים אוּן וָואס וֶועט זַיין וַוייטֶער וְכוּ׳, זָאגְט פַארְ׳ן בַּאשֶׁעפֶער דִי וֶוערְטֶער:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער יָארְן, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר ..., אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט צוּטוּן מִיט מַיינֶע בְּרִידֶער ..., אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְמַאכְט; יֶעצְט קְלַאפְּט עֶס אוֹיס אוֹיף מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם וַוייל קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, דֶער טֶערֶעפִּיסְט אִיז אַ בָּשָׂר וָדָם וָואס קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיז ווִי קֶען עֶר מִיר הֶעלְפְן?

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ גֵיי נָאר צוּ דִיר, אִיךְ גְלֵייבּ אִין דִיר; דוּ וֵוייסְט ווִי שְׁטַארְק אִיךְ פַּיינִיג זִיךְ, דוּ וֵוייסְט ווִי דֶעפְּרֶעסְט אִיךְ בִּין; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט מַיין מַאן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ מַיינֶע קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן״.

נָאכְאַמָאל, אוֹיבּ אִיר ווילְט יָא גֵיין, עֶס אִיז אַייךְ גְרִינְגֶער צוּ גֵיין צוּ אַ פְרוֹי אָדֶער אַן אַלְטֶע מֵיידְל, אַ טְשַׁאדֶעלֶע בַּאדֶעלֶע וְכוּ׳ - קֶענְט אִיר גֵיין; אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל רֶעדְן צוּ אֵייעֶר מַאן עֶר זָאל אַייךְ טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען וְכוּ׳.

**אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ אוּן פַאר אֵייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן הָאבְּן נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשפ״א)

>>>>>>

סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר׳ יִשְׂרָאֵל הֵיילְפְּרִין ז״ל, מְ׳פְלֶעגְט אִים רוּפְן ר׳ יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער ז״ל, עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אִין דִי שֵׁמוֹת גְנִיזָה אַ בְּלֶעטְל פוּנֶעם סֵפֶר ״עָלִים לִתְרוּפָה״, וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט דָארְט אַ בְּרִיוו מִיט הִתְחַזְּקוּת פַאר זַיין זוּן ר׳ יִצְחָק ז״ל, אוּן רֶבִּי נָתָן עֶנְדִיגְט צוּ דֶעם בְּרִיוו אַז עֶר מוּז שׁוֹין עֶנְדִיגְן שְׁרַייבְּן וַוייל דִי פָּאלִיצֵיי וַוארְט אוֹיף אִים אִינְדְרוֹיסְן אִים צוּ פַארְטְרַייבְּן פוּן זַיין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב קַיין נֶעמִירוֹב. וֶוען ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט דָאס גֶעלֵיינְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דֶערְפוּן, ווִי קוּמְט צוּ אַ אִיד אַזַא יִשּׁוּב הַדַּעַת צוּ שְׁרַייבְּן הִתְחַזְּקוּת פַאר זַיין זוּן אִין דִי צַייט וָואס דִי פָּאלִיצֵיי וַוארְט אִים אָפּ אִים צוּ פַארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטָאט? אוּן דַאן הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר מוּז גֶעוואוּיר וֶוערְן וֶוער דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אָנְקוּמֶען צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁטַארְקֶער בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד.

מִיט דֶעם קֶענֶען מִיר פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי תּוֹרָה וִויל אוּנְז לֶערְנֶען מִיט דִי חֲלוֹמוֹת פוּן פַּרְעֹה. דִי אַלֶע חֲכָמִים פוּן פַּרְעֹה הָאבְּן טַאקֶע גֶעזָאגְט פַארְשִׁידֶענֶע גוּטֶע פִּתְרוֹנוֹת, אָבֶער סְ׳אִיז נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶערְפוּן עֶפֶּעס אַן עֵצָה אִין לֶעבְּן, עֶס הָאט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט קַיין שׁוּם נוּצְן, אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט הָאבְּן זִיבְּן טֶעכְטֶער אוּן זֵיי וֶועלְן שְׁטַארְבְּן, וָואס וֶועט יֶעצְט פַּרְעֹה פַארְדִינֶען פוּן דָאס הֶערְן? וָואס אִיז דִי עֵצָה זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן וֶוען עֶר וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי צָרָה? בִּיז וֶוען יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט אַז סְ׳גֵייט קוּמֶען זִיבְּן הוּנְגֶער יָארְן, עֶר אִיז אָבֶער גֶעקוּמֶען אוֹיךְ מִיט אַן עֵצָה, מְ׳זָאל אַוֶועקְלֵייגְן עֶסְנְוַוארְג פוּן דִי זִיבְּן זַאטֶע יָארְן, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען אִיבֶּערְלֶעבְּן דִי זִיבְּן הוּנְגֶער יָארְן, דָאס אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי אוֹיעֶרְן פוּן פַּרְעֹה, וַוייל יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט גֶעגֶעבְּן גוּטֶע עֵצוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן.

דַוְקָא דֶעמָאלְט אִיז יוֹסֵף גְרוֹיס גֶעוָוארְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער הֶערְשֶׁער אִין מִצְרַיִם, סְ׳אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן זַיין חָלוֹם ״וְהִנֵּה ׳קָמָה׳ אֲלֻמָּתִי וְגַם נִצָּבָה״ (בְּרֵאשִׁית ל״ז, ז׳), וַוייל יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט גֶעהַאט דֶעם כֹּחַ זִיךְ אַלֵיין צוּ שְׁטַארְקְן וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין לֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעקֶענְט אִיבֶּערְגֶעבְּן אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע, מְ׳הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט אָפְּלֶערְנֶען פוּן דֶעם ווִי אַזוֹי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, אוֹיף אַ וֶועג וָואס זָאל אוּנְז שְׁטַארְקְן אַז מִיר זָאלְן עֶס אוֹיךְ קֶענֶען נָאכְמַאכְן, מִיר זָאלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מִיר גֵייעֶן דוּרְךְ, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר וֶוערְן אֱמֶת׳דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל מִקֵּץ תשס״א)

>>>>>>

דֶער אִיד הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ לֵיידִיגֶע שׁוּל, עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט אַ יְשׁוּעָה, עֶר אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט נָאכְדֶעם צֶען יָאר גֶעזוּנְט אוּן פְרִישׁ.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן קְלֵיין, עֶר זָאל טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶער ווִי אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, ווִי אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען פּוֹעֶלְ׳ן גְרוֹיסֶע זַאכְן מִיט דַיין פְּשׁוּטֶע תְּפִלָּה?

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז מִיר הָאבְּן אִין זִיךְ גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא׳דִיגֶע כּוֹחוֹת. יֶעדֶער אִיד הָאט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ אִין זַיין מוֹיל, אוּן עֶר קֶען בְּלוֹיז מִיט זַיין מוֹיל אוֹיפְטוּן גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן. תְּפִלָּה אִיז ווִי אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד וָואס הַאקְט רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס. וֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן ווִיסְן אוּנְזֶערֶע כּוֹחוֹת אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט אוֹיסְ׳פּוֹעֶלְ׳ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מִיר לַאנֶען זִיךְ אָן אוֹיף דִי כֹּחַ פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, מִיר גֵייעֶן אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן אוּן מִיר זֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט, דַאן קֶענֶען מִיר נָאךְ אַסַאךְ מֶער, שְׁנֶעלֶער אוּן גְרִינְגֶער פּוֹעֶלְ׳ן אַלֶעס.

בַּיים הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי אוּרִי סְטְרֶעלִיסְקֶער זי״ע הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ״דֶער ׳שָׂרָף׳ פוּן סְטְרֶעלִיסְק״, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק פְלַאם פַייעֶר פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין דַאוֶוענֶען אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרֶען אוּן פַייעֶר. אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען מִיט גְרוֹיס בְּרֶען, אוּן דֶערְוַוייל אִיז דָארְט דוּרְכְגֶעפָארְן אַ גוֹי׳אִישֶׁער פְּרִיץ אוּן גֶעהֶערְט זַיין דַאוֶוענֶען, דֶער פָּרִיץ אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּנֶעם דַאוֶוענֶען אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַוארְט בִּיז דֶער צַדִּיק הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען.

נָאכְ׳ן דַאוֶוענֶען אִיז דֶער פָּרִיץ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִּיק אוּן גֶעזָאגְט: ״אִיךְ קְלֶער אַז אוֹיבּ זֶענְט אִיר נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן גָלוּת נָאךְ אַזַא דַאוֶוענֶען, וֶועט אִיר שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת״. עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אוֹיבּ דֶער צַדִּיק הָאט אַזוֹי גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַזַא בְּרֶען אוּן פַייעֶר אוּן עֶר קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען מִיט דֶעם מָשִׁיחַ׳ן, וֶוער דֶען וֶועט קֶענֶען פּוֹעֶלְ׳ן דִי יְשׁוּעָה? הָאט אִים דֶער צַדִּיק מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אִין זַיין גָארְטְן גָאר אַ גְרוֹיסְן אוּן דִיקְן בּוֹים, מַמָּשׁ אֵיינְס אִין דִי וֶועלְט. דֶער קֶענִיג הָאט גֶעוָואלְט אַרָאפְּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים אוּן בּוֹיעֶן אוֹיף דֶעם פְּלַאץ שֵׁיינֶע פַּאלַאצְן אוּן גָארְטֶענֶעס, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דָאס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דֶעם בּוֹים, אוּן דֶעריבֶּער הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן אַז וֶוער עֶס וֶועט קֶענֶען בַּאוַוייזְן אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים, וֶועט בַּאקוּמֶען גָאר אַ גְרוֹיסֶע בַּאלוֹינוּנְג פוּנֶעם קֶענִיג.

עֶס זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע גִיבּוֹרִים אוּן שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן פוּן אִיבֶּערְ׳ן גַאנְצְן לַאנְד, טֶעג אוּן נֶעכְט הָאבְּן זֵיי גֶעאַרְבֶּעט אוּן פְּרוּבִירְט אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים, עֶס אִיז זֵיי אָבֶער נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, דֶער בּוֹים אִיז גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיס אוּן דִיק אַז אֲפִילוּ דִי גְרֶעסְטֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט בֵּייקוּמֶען.

נָאכְ׳ן אַרְבֶּעטְן טֶעג אוּן וָואכְן אוֹיפְ׳ן בּוֹים אָן קַיין שׁוּם עֶרְפָאלְג, הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעהוֹיבְּן

<<<<<<

>>>>>>

הֶענְט, און גֶעזָאגְט פַארְ׳ן קֶענִיג אַז דֶער בּוֹים קֶען נִישְׁט אַרָאפְּשְׁנַיידְן. און דַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶער בָּחוּר׳ל און גֶעזָאגְט אַז עֶר נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים...

אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים און גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער: ״אוֹיבּ דִי גְרוֹיסֶע פֶּעסְט-גֶעבּוֹיעֶטֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאוַויְיזְן, וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ, אַ אִינְגֶער שְׁוַואכֶער בָּחוּר׳ל, עֶס קֶענֶען דוּרְכְפִירְן?״

דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ אָבֶער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ הַאמֶער, און מִיט עֶטְלִיכֶע קְלֶעפּ אוֹיפְ׳ן בּוֹים, הָאט זִיךְ דֶער בּוֹים אוּנְטֶער גֶעבְּרָאכְן און אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן...

דֶער קֶענִיג מִיט דִי גְרוֹיסֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט וִוי אַזוֹי דֶער בָּחוּר הָאט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן אַזַא שְׁטַארְקֶע גְבוּרָה. דֶער בָּחוּר הָאט זֵיי אָבֶער מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט. ״אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז אִין דִי טֶעג און וָואכְן וָואס דִי גִיבּוֹרִים הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אוֹיפְ׳ן בּוֹים, אִיז שׁוֹין דֶער בּוֹים זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט גֶעוָוארְן, און יֶעצְט, נָאךְ אַזוֹיפִיל הַאקְן, קֶען מֶען עֶס גְרִינְג אַרָאפְּנֶעמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע שְׁטַארְקֶע קְלֶעפּ מִיט אַ הַאמֶער, נָאר דִי גִיבּוֹרִים הָאבְּן פָּשׁוּט גֶעהוֹיבְּן הֶענְט און אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, און דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז אִיךְ וֶועל טוּן מַיינְ׳ס, און אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי אַרְבֶּעט וָואס זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן. און דֶערִיבֶּער הָאט אִיךְ טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶועןְ״.

״דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין גָלוּת״ - הָאט דֶער שָׂרָף פוּן סְטְרֶעלִיסְק מַסְבִּיר גֶעוֶועןְ פַארְ׳ן פְּרִיץ - ״מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד טוּט, גֶעבְּט עֶר נָאךְ אַ הַאק אוֹיפְ׳ן בּוֹים. דִי גִיבּוֹרִים - דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים - גֶעבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע קְלֶעפּ אוֹיפְ׳ן בּוֹים, אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע צַייט פוּן דִי גְאוּלָה, הָאבְּן זֵיי נָאכְנִישְׁט דֶעם כֹּחַ אִינְגַאנְצְן אָפְּצוּהַאקְן דֶעם בּוֹים, זֵיי שְׁוַואכְן עֶס אָבֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפּ. וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער לֶעצְטֶער דוֹר וֶוען מָשִׁיחַ דַארְף שׁוֹין צוּ קוּמֶען, דַאן וֶועלְן אֲפִילוּ פָּשׁוּטֶע אִידְן אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם כֹּחַ אִים צוּ בְּרֶענְגֶען, וַוייל זֵיי קוּמֶען שׁוֹין נָאכְדֶעם וָואס דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן אַזוֹיפִיל אַרַיינְגֶעאַרְבֶּעט דִי אַלֶע יָארְן. זֵיי וֶועלְן נָאר זִיךְ דַארְפְן אָנְשְׁטְרֶענְגֶען און נִישְׁט הוֹיבְּן דִי הֶענְט, און מִיט דֶעם אַלֵיין וֶועלְן זֵיי בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה״.

אַן עֶנְלִיכֶער מָשָׁל וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן וָואס הָאט דָאס נָאכְגֶעזָאגְט פוּן רֶבִּי נָתָן (כּוֹכְבֵי אוֹר, מַעֲשִׂיּוֹת וּמְשָׁלִים) וֶוען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נָתָן וִוי אַזוֹי דָאס קֶען זַיין אַז מָשִׁיחַ הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט דִי אִידְן אִין דִי צַייט פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מִיר וֶועלְן הַיינְט יָא זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַן עֶנְלִיכֶער מָשָׁל צוּ אַ שְׁוֶוערֶע לַאנְד וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק בַּאפֶעסְטִיגְט, און וִויפִיל שְׁטַארְקֶע סָאלְדַאטְן מֶען הָאט נָאר גֶעבְּרֶענְגְט זֵיי אַיינְצוּנֶעמֶען, זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּפַאלְן. בִּיז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַ גְרוּפֶּע פוּן אַלְטֶע און שְׁוַואכֶע לַייט מִיט פְרוֹיעֶן און קִינְדֶער, און זֵיי הָאבְּן עֶס יָא אַיינְגֶענוּמֶען. וַוייל נָאכְדֶעם וָואס דִי שְׁטַארְקֶע סָאלְדַאטְן הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דֶעם מוֹיעֶר, אַז מִיט אַבִּיסְל אָנְשְׁטְרֶענְגוּנְג הָאבְּן עֶס שׁוֹין דִי שְׁוַואכֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ גֶעקֶענְט בַּאזִיגְן.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר וִויסְן אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז פִיל גְרִינְגֶער צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אַיינְנֶעמֶען און בַּאזִיגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן שׁוֹין גֶעאַרְבֶּעט פַאר אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס אִיז אוֹיךְ אַ חִיזּוּק פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען קַיין יְשׁוּעָה, עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל פְּרוּבִּירְט, גֶעאַרְבֶּעט און גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת און עֶר הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶערִירְט, דַארְף עֶר אָבֶער וִויסְן דֶעם אֱמֶת אַז דִי אַרְבֶּעט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, עֶס הָאט זִיכֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְנֶענְטֶערְט דִי יְשׁוּעָה, און אוֹיבּ וֶועט עֶר הָאבְּן דֶעם שֵׂכֶל נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן נָאר וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן מִיטְ׳ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז זַיין יְשׁוּעָה שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט, און עֶר וֶועט זִיכֶער קֶענֶען דוּרְכְבְּרֶעכְן דֶעם מוֹיעֶר און אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דֶעם בּוֹים, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס הָאט זִיךְ דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט גֶערִירְט פוּן אָרְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא״שׁ חֵלֶק ט״ז עֶרֶךְ גִלּוּי אֵלִיָהוּ, גִיבּוֹר, רְפוּאָה)



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן מַיין חַבְרְ׳טֶע?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און חִיזּוּקִים, אִיךְ הָאבּ פִיל הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אֵייעֶר חִיזּוּק און עֵצוֹת, עֶס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה׳ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צְוֵויי צוּרִיק, און אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה׳ דִי שֶׁענְסְטֶע גְלִיקְלִיכְסְטֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ וָואלְט זִיךְ נָאר גֶעקֶענְט וִוינְטְשְׁן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ נָאנְטֶע חַבְרְ׳טֶע, מִיר זֶענֶען צוּזַאמֶען אַסַאךְ אַרִיבֶּער אַלְס מֵיידְלֶעךְ, און מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט. מַיין חַבְרְ׳טֶע הָאט בָּרוּךְ ה׳ חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיר מַאן בַּאלַאנְגְט צוּ אַ חֲסִידוּת מִיט אַסַאךְ חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, קְרוּם, נִישְׁט רִיכְטִיג און נִישְׁט אִידִישׁ.

אִיר מַאן אִיז זֵייעֶר וואוֹיל און תְּמִימוּת׳דִיג און עֶר וִויל זִיךְ בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט רִירְן פוּן דִי הַנְהָגוֹת פוּן זַיין חֲסִידוּת אֲפִילוּ מִיט אַ מַשֶׁהוּ, מַיין חַבְרְ׳טֶע אִיז זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, זִי אִיז זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, זִי הָאט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אִינְגַאנְצְן עֶרְוַוארְטֶעט פוּן אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן, און זִי פִילְט מַמָּשׁ פַארְלוֹירְן. זִי הָאט שׁוֹין אַלֶעס פְּרוּבִּירְט און עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

זִי רֶעדְט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיס צוּ מִיר אַז סְ׳אִיז מַמָּשׁ גֶעפֶערְלִיךְ, זִי קֶען עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אִיר זֵייעֶר גוּט, אִיךְ הַאלְט אַז זִי אִיז הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט, דִי שְׁאֵלָה אִיז נָאר וָואס אִיךְ דַארְף אִיר זָאגְן, צִי זָאל אִיר אִיךְ מְחַזֵּק זַיין? וִויאַזוֹי דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאנֶעמֶען מִיט דֶעם? און אוֹיבּ דַארְף אִיךְ זִיךְ טַאקֶע שְׁטֶעלְן צוּ אִיר זַייט? צִי דַארְף אִיךְ אִיר מְעוֹדֵד זַיין זִיךְ צוּ גֶעט׳ן? אִיךְ וֶועל בֶּאֱמֶת שֶׁעצְן אוֹיבּ אִיךְ בַּאקוּם אַן עֶנְטְפֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. אִיר זָאלְט אִיר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּרֶעדְן זִיךְ צוּ גֶעט׳ן; אוֹיבּ מֶען דַארְף זִיךְ גֶעט׳ן - דָאס הָאט מִיט גְרוֹיסֶע רַבָּנִים, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל וָואס חַבְרְ׳טֶעס רֶעדְן, אָךְ און וֵויי פַאר אַ פְרוֹי וָואס הֶעצְט אָן זִיךְ צוּ גֶעט׳ן.

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ, אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן; וִוי קֶען זַיין אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶ פְרוֹי זָאל פַארְגֶעסְן פוּן תְּפִילָּה?! אִיר דַארְפְט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצָה פוּן תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אַנְשְׁטָאט אִיר אוֹיפְהֶעצְן קֶעגְן אִיר מַאן זָאלְט אִיר זִיךְ אִינְאֵיינֶעם מְחַזֵּק זַיין צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רסג): ״זֶה מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה״, דֶער יֵצֶר הָרַע זוּכְט צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ, עֶר וִויל נָאר מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַזוֹי קֶען עֶר גְרִינְגֶער אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, ״כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד - לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם״, דֶער יֵצֶר הָרַע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אַזוֹי וַוארְפְט עֶר זֵיי אַרָאפּ אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

עֶס אִיז אַ טָעוּת וָואס מַאכְט זִיךְ בַּיי אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק, מֶען מֵיינְט אַז שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מֶען וֶוען בֵּיידֶע - מַאן און וַוייבּ - טְרַאכְטְן אֵיינִיג, בֵּיידֶע הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע מַחְשָׁבָה, דִי זֶעלְבֶּע גֶעפִילְן וְכוּ׳; דֶער טָעוּת הֵייבְּט זִיךְ אָן אֵיידֶער מֶען הָאט חֲתוּנָה, מֶען גֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ פַאלְשֶׁע בְּלִיק אוֹיפְ׳ן לֶעבְּן, מֶען גְרֵייט זִיךְ אַז מֶען גֵייט טְרֶעפְן דֶעם פָּאר און אִינְאֵיינֶעם הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע וֶועג, און נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶוערְט מֶען אַנְטוֹישְׁט וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען הָאט נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע וֶועג; מֶען הֵייבְּט אָן זִיךְ טַעֲנָה׳ן, מֶען הֵייבְּט אָן זִיךְ קְרִיגְן.

דָאס אִיז אַ טָעוּת; שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט וֶוען בֵּיידֶע טְרַאכְטְן אֵיינִיג, אַז בֵּיידֶע טְרַאכְטְן אֵיינִיג אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ דָאס וָוארְט ״שָׁלוֹם״, שָׁלוֹם אִיז טַייטְשׁ וֶוען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן טְרֶעפְן זִיךְ צַאם און דָאךְ אִיז מֶען בְּשָׁלוֹם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן פ): ״שֶׁמְּחַבֵּר תְּרֵי הֲפָכִים״, וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאם צְוֵויי פַארְקֶערְט זַאכְן - דָאס אִיז שָׁלוֹם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כה, ב): ״עֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימְל צְווִישְׁן צְוֵויי מַלְאָכִים. זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם): ״כִּי זֶה הַמַּלְאָךְ מֵאֵשׁ, וְזֶה מִמַּיִם״, אֵיין מַלְאָךְ אִיז פֵייעֶר און אֵיין מַלְאָךְ אִיז וַואסֶער, ״שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים; כִּי מַיִם מְכַבֶּה אֵשׁ״, זֵיי זֶענֶען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, וַוייל וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, ״וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד״, גֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי און עֶר בַּאהֶעפְט זֵיי צוּזַאמֶען; זֶעט מֶען וָואס אִיז שָׁלוֹם, מְחַבֵּר זַיין צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, עַיֵּין שָׁם.

זֵייעֶר אַסַאךְ גִיטִין פַּאסִירְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען חָלוֹמְ׳ט זִיךְ אַז מֶען גֵייט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אֵיינֶעם וָואס גֵייט זַיין אַזוֹי וִוי מִיר, טְרַאכְטְן וִוי מִיר, וֶועלְן וָואס אִיךְ וִויל, טוּן וָואס אִיךְ טוּ וְכוּ׳ וְכוּ׳, נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען אַנְטוֹישְׁט; אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז בִּכְלָל נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זָאלְן טְרַאכְטְן אֵיינִיג, וֶועלְן דָאס זֶעלְבֶּע און הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע גֶעפִילְן; שָׁלוֹם בַּיִת מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס בֵּיידֶע וִוילְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ דָאךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ לִיבּ, בֵּיידֶע זֶענֶען מְוַתֵּר אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵוייטְן און זוּכְן דָאס גוּטְס בַּיי יֶענֶעם.

זַייט אִיר מְחַזֵּק זִי זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף אִיר מַאן, וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשפ״א)





נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט״א אין אלע נושאים,
קען מען ליינען אינעם וועכנטליכן קונטרס ״עצתו אמונה״
צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט #3 718-387-2691


BreslevCenter.com\answers

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (פח)

**שסג**

נָאךְ יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וִוי פָאלְגְנְד, "אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דְרֵייט זִיךְ שׁוֹין אַרוּם פַאר אַסַאךְ יָאר מִיט אַ מַחְשָׁבָה פוּן עוֹלָם הַבָּא, פוּן יֶענֶע וֶועלְט. עֶר הָאט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט מִיר אִיבֶּער דֶעם אָבֶּער סְ'אִיז אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען. אוּן וֶוער קֶען דֶען וִויסְן וָואס עֶר טְרַאכְט? וֶוער אִיז דֶען אַ נָבִיא צוּ וִויסְן זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת?

"דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען דָא אוֹיף שָׁבוּעוֹת, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז סְ'קוּמֶען צוּ מִיר צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, אוּן סְ'הָאט מִיר אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אֵיינֶער אִיז דֶער עִיקָר אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אִיז נָאר מִיטְגֶעקוּמֶען מִיט אִים. אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעפְרֶעגְט וָואס זֵיי טוּעֶן דָא, הָאט דֶער עִיקָר מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט דִי מַחְשָׁבָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט, הָאט אִים גֶעצְווּינְגֶען עֶר זָאל שְׁוֶוערְן מִיט אַ סֵפֶר תּוֹרָה אִין הַאנְט אַז עֶר וֶועט אַהֶערְקוּמֶען, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר יֶעצְט גֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיבֶּער דִי מַחְשָׁבָה פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ מִיט אַ מַחְשָׁבָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט. אוּן דַאן הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט.

"שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ גֶעקוּמֶען גֶעזֶעגְנֶען פַאר'ן אַהֵיימְפָארְן, וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט זַיין מַחְשָׁבָה מִיט וָואס עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם. אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אוּן פְרֵיילִיךְ דֶערְפוּן אַז אִיךְ הָאבּ צוּגֶעטְרָאפְן זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת".

**שסד**

פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ אִיבֶּער יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז גוּט אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זַיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דָאס מֵיינְט עֶר זָאל זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת אַזוֹי וִוי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וָואס דָארְט אִיז נִישְׁטָא קֵיין עֶסְן אָדֶער טְרִינְקֶען אוּן קֵיין שׁוּם נַארִישֶׁע בְּהֵמָה'ישֶׁע תַּאֲווֹת וָואס לָאזְן זִיךְ אוֹיס מִיט גָארְנִישְׁט אַזוֹי וִוי אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט קְרַאנְק, פַארְלִירְט עֶר דֶעם אַפֶּעטִיט צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן אַנְדֶערֶע תַּאֲווֹת, דָאס אִיז וַוייל עֶר וֶוערְט שׁוֹין נֶענְטֶער צוּ יֶענֶע וֶועלְט וָואס דָארְט אִיז נִישְׁט דָא דִי אַלֶע זַאכְן, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען וֶוען עֶר אִיז נָאךְ פְרִישׁ אוּן גֶעזוּנְט אַז עֶר זָאל קֶענֶען לֶעבְּן אוּן אָנְגֵיין אָן דִי אַלֶע תַּאֲווֹת אַזוֹי וִוי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט זִיךְ דֶערְמַאנְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעשְׁמַאק אוּן תַּעֲנוּג וָואס אִיז דָא אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וָואלְט עֶר זִיכֶער בִּכְלָל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן דָאס לֶעבְּן אוּן דִי נַארִישֶׁע תַּאֲווֹת פוּן דִי וֶועלְט, דֶערְפַאר אִיז גוּט אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, כָאטְשׁ וָואס שִׁכְחָה אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע זַאךְ, הָאט עֶס אָבֶּער דִי מַעֲלָה אַז אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל וֶוען עֶר גֶעדֶענְקְט וֶוען דִי זִיסְקֵייט אוּן פַארְגֶענִיגְן פוּן יֶענֶע וֶועלְט, וָואלְט עֶר בִּכְלָל נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט.

סְ'אִיז דָא גָאר אַ גְרוֹיסֶער מַלְאָךְ וָואס הָאט טוֹיזְנְט קֶעפּ, יֶעדֶע קָאפּ הָאט טוֹיזְנְט צוּנְגֶען, יֶעדֶע צוּנְג הָאט טוֹיזְנְט קוֹלוֹת, אוּן יֶעדֶע קוֹל הָאט טוֹיזְנְט נִיגוּנִים. אוּן וֶוען דֶער מַלְאָךְ הוֹיבְּט אָן זִינְגֶען, אִיז דָאס גֶעוִוִיס גָאר שֵׁיין אוּן זִיס וָואס מְ'קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ דֶערְמַאנֶען וִוי קְלֵיין אוּן גָארְנִישְׁט עֶר אִיז קֶעגְן דֶעם, וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ בִּכְלָל קֶענֶען לַיידְן?! עֶר וֶועט זִיכֶער זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְעֶקְלְן פוּן זַיין לֶעבְּן בִּיז עֶר וָואלְט חַס וְשָׁלוֹם גֶעקֶענְט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען סְ'אִיז דָא אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען לֵיידֶער פַארְזִינְקֶען אוּן פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעדֶענְקְט וִוי נִידְרִיג זֵיי זֶענֶען, וָואלְטְן זֵיי אֶפְשָׁר בִּכְלָל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהוֹיבְּן דֶעם קָאפּ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז טַאקֶע אַ גוּטֶע זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז גוּט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ יָא דֶערְמַאנֶען, אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן זַיין גַאנְצֶע וֶועלְט חַס וְשָׁלוֹם.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## ימי החנוכה אין ישיבה

די געהויבענע טעג פונעם יום טוב חנוכה, זענען אויסגענוצט געווארן אין ישיבה מיט א שטארקייט, ווען די בחורים האבן געלערנט זייער פלייסיג, ניצנדיג די השפעות פונעם הייליגן יום טוב אויפ'ן בעסטן פארנעם.

ביי די שיעורים אין חנוכה האט דער ראש ישיבה שליט"א אסאך ארומגערעדט פון די חיזוק וואס מיר קענען ארויסנעמען פון די נסים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט מיט די אידישע קינדער בימים ההם בזמן הזה, ווי אזוי די קליינע הייפעלע פון די הייליגע חשמונאים האבן באזיגט די גרויסע און מעכטיגע מיליטער פון די יוונים, ווי אזוי זיי האבן צוריק אויפגעבויעט דעם צעבראכענעם בית המקדש, און כאטש וואס די יוונים האבן מטמא געווען אלע אויל, האט דער אייבערשטער אבער געהאלפן אז מ'האט געטראפן א קליין קריגעלע אויל וואס איז געווען גענוג נאר פאר איין טאג, און דער אייבערשטער האט געמאכט א נס אז ס'האט געברענט פאר אכט טעג.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט אז כאטש וואס ס'איז דאך געווען אזויפיל צרות דעמאלט, דער גאנצער בית המקדש איז געווען צעבראכן און טמא, וואלטן דאך די חשמונאים געקענט מאכן אויף דעם א טרויער טאג, האבן זיי זיך אבער זייער געפריידט און געמאכט א פריילעכער יום טוב מיט די קליין ביסל טהור'ע אויל וואס זיי האבן געטראפן. דאס לערנט אונז אז אפילו א מענטש שפירט ביי זיך אז ער אינגאנצן צעבראכן און טמא, זאל ער נישט אויפגעבן און אריינפאלן אין א יאוש, נאר ער זאל זיך שטארקן און אויפזוכן דאס קליין קריגעלע טהור'ע אויל וואס ער האט נאך יא, יעדער איד איז פול מיט מצות ומעשים טובים, אפילו פושעי ישראל מלאים מצות כרמון, און מיט דעם זאל זיך דער איד זייער פרייען, ער זאל זיך פרייען אז ער איז זוכה צו עסן כשר'ס, ער היט שבת, ער גייט מיט ציצית, ער טוט אן תפלין, ער האט א בארד און פאות, און אזוי ווייטער האט יעדער איד גענוג און נאך גוטע זאכן מיט וואס ער קען זיך זייער פרייען. און אז ער וועט זיך פרייען מיט די ביסל גוטס וואס ער האט אין זיך, וועט דאס שוין ברענגען אז ער וועט ווערן אינגאנצן גוט. און אזוי ווייטער האט דער ראש ישיבה שליט"א ביי די שיעורים ארויסגענומען אסאך התחזקות פונעם יום טוב חנוכה, וואס וועט אונז באגלייטן אויפ'ן גאנצן יאר.

די גאר הערליכע און אינהאלטסרייכע דרשות און שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, פול מיט עצות און הדרכות ווי אזוי זיך צו קענען אן עצה געבן אין לעבן ברוחניות ובגשמיות, און מצליח זיין אויפ'ן בעסטן פארנעם. זענען שוין היינט ברייט באקאנט איבער די גאנצע וועלט. מ'קען הערן די אלע שיעורים אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין [זעט אלע לאקאלע נומערן ביים סוף פונעם גליון] וואס ווערט צוגעהערט טאג טעגליך דורך צענדליגע טויזנטער אידן פון איבער די וועלט.

גאר א שיינער שבת חנוכה איז אפגעראכטן געווארן אין קרית ברסלב ליבערטי, וואו דער ראש ישיבה שליט"א האט געפראוועט דעם שבת מיט די ארטיגע איינוואוינער אינאיינעם מיט די פילע געסט וואס זענען געקומען צו פארן אויף שבת.

במשך דעם שבת האט מען געהערט פילע שיעורים און דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט איבערגעלאזט גאר א שטארקן רושם. אום מוצאי שבת האט מען אפגעראכטן א ברייטע מלוה מלכה ברוב עם, מען האט שיין געזינגען אינאיינעם און געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א [זעט די פולע באריכט פונעם שבת אינעם גליון "קרית ברסלב בלעטל"].

**בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים!**

***

## "היכל הקודש" טעלעפאן בוך

מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען אנשי שלומינו אז אין די יעצטיגע טעג גרייט מען זיך ארויסצוקומען מיט'ן ברסלב'ן טעלעפאן בוך, אין וואס ער וועט זיך געפונען די ליסטע פון אנשי שלומינו פון איבער די גאנצע וועלט, מיט זייערע טעלעפאן נומערן און אדרעסן, און אזוי ווייטער, און גלייכצייטיג די ביזנעסער פון אנשי שלומינו, וואס דאס וועט פיל פארגרינגערן פאר אנשי שלומינו זיך צו האלטן אינאיינעם באחדות.

מיט'ן נייעם טעלעפאן בוך "היכל הקודש" וועלן אנשי שלומינו זיך קענען האלטן פארבינדען איבער די גאנצע וועלט. ווי אויך וועט מען גרינגער קענען שטיצן איינער דעם צווייטן, צו נוצן די סערוויסעס און ביזנעסער פון אנשי שלומינו.

אין א בריוו די וואך האט דער ראש ישיבה שליט"א מעורר געווען אז אנשי שלומינו זאלן זען צו געבן פרנסה איינער פאר'ן צווייטן, אפילו ווען מ'קען טרעפן אביסל ביליגער ערגעץ אנדערש.

מאכט זיכער אז אייער נאמען און ביזנעס פאלט נישט ארויס פונעם טעלעפאן בוך. איר קענט טעקסטן אלע אייערע אינפארמאציע צו 347-455-8028, אדער קען מען שיקן אן אימעיל צו BreslevPhoneBook@gmail.com.

**איש את רעהו יעזורו!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן גרויסן מפיץ

מו"ה **נחמן פילמער** הי"ו

צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב

הבחור החשוב **יצחק נתן** נ"י

## כאפ ארויס א קלייניקייט

**"איך בין שוין דערנאך, כ'זע שוין אז איך קום נישט אן צו טון גוטע זאכן". טראכט נישט אזוי, פרוביר כאטש ארויסצוכאפן עפעס גוטס.**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 6, 10**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**